באַדינגונגען און אין שרעקלעכן הונגער האָב איך געלעבט אין שטאַל ביז סעפטעמבער 1943.

ד.

פאַר דער צייט איז פאָרגעקומען די לעצטע ליקווידאַציע פון גלובאָקער געטאָ. דאָס איז געווען שבת, כ׳ אָב תש״ג (21. 8. 43). די ליקווידאַציע איז פאַרבונדן מיט אַ געוועזענעם פּולקאָווניק פון דער רויטער אַרמיי און באַטילטן העלד פון ראַטנפאַרבאַנד, ראַדיאָנאָוו. אין יאָר 1941 איז ער אַריינגעפאַלן צו די דייטשן אין געפאַנגענשאַפט.[1] דאַן איז ער געקומען צו דער דייטשער ווערמאַכט מיט אַ פּלאַן צו גרינדן אַ נייע רוסישע אַרמיי פון אַלע קריגס־געפאַנגענע אונטערן נאָמען „סוויאַטאַיאַ רוס" (הייליקע רוסלאַנד). די נייע אַרמיי וועט קעמפן קעגן יידישן קרעמל. אַזאַ אַרמיי איז געשאַפן געוואָרן אונטער ראַדיאָנאָווס אָנפירונג. צווישן די סאָלדאַטן זיינען פאַרטיילט געוואָרן פלוגבלעטלעך: „הערט זיך צו צו די רייד פון פּולקאָווניק ראַדיאָנאָוו — מיר גייען קעמפן קעגן סטאַלינען מיט זיינע חברים יידן! — —" דאָרט זיינען געווען אויסגערעכנט; סטאַלין, מעכלים, קאַגאַנאָוויטש, פינקלשטיין ‎אאז"וו, דאָס נייע פּראָגראַם איז געווען צו פאַרניכטן די רוסישע רעגירונג און „שאַפן אַ הייליקע רוסלאַנד אָן פּריצים און אָן אַ קיסר". די אַרמיי האָט געציילט אַן ערך 8 טויזנט מאַן און איז גלייך צוגעטראָטן צום קאַמף. דאָס ערשטע זיינען זיי באַפאַלן די וועלדער מיט פּאַרטיזאַנער אין די געגנטן פון מעכאָוו, לובלין, ביאַלאַ־פּאָדלאַסק, ביעלאָוועזשע. די אַרמיי פון פּולקאָווניק ראַדיאָנאָוו איז געווען מאָטאָריזירט מיט דער נייסטער דייטשער טעכניק. דער פּולקאָווניק האָט אויך באַקומען די העכסטע דייטשע אויסצייכנונגען פאַר זיינע העלדישע קאַמפן.

אין מאַי 1943 איז די אַרמיי פון פּולקאָווניק ראַדיאָנאָוו אַריבערגעוואָרפן געוואָרן אין ווילנער געביט. אין דעם געגנט פון פּאָדבראָדזש ביז ווילנע. אין די גרויסע בעזדאַנער וועלדער, איז געווען אַ גרויסע צאָל פּאַרטיזאַנער. דאָ האָט דער פּולקאָווניק געזאָלט אַנטוויקלען זיין קאַמף. ביי דעם באַן־קנופּ פון סטאַנציע קרולעווסטשינקאַ (ביי 20 ק"מ פון גלובאָק) האָט ער

---

[1]) די באַשרייבונג מיט ראַדיאָנאָוון, ווי איך פיל פון די ווייטערדיקע אָנגעגעבענע פּרטים פון די געשעענישן אין ווייס־רוסלאַנד, זיינען ניט און אַלץ אין איינקלאַנג מיט די ווירקלעכע פאַקטן. זיי זיינען אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פאָרעם און אויפן ווי זיי זיינען דערגאַנגען און אויפגענומען געוואָרן פון די שטרענג איזאָלירטע און אויסבאַהאַלטענע יידן.

רעד.

מיטאַמאָל אָנגעהויבן שפּילן אַ צווייטע ראָל. ער האָט זיך דאָרט פּאַראייניקט מיט די פּאַרטיזאַנער און צוזאַמען מיט זיי צוגעטראָטן צום קאַמף קעגן די דייטשן. די דייטשן אַליין האָבן לכתחילה פון דעם גאָרניט געוווּסט. ראַדיאָנאָוו האָט זיין ערשטע שטיקל אַרבעט גאָר פיין דורכגעפירט. ער האָט איינגעלאַדן צו זיך אויף אַ פּאַראַד דעם געביטס־קאָמיסאַר פון גלובאָק מיט זיין גאַנצן שטאַב. דער געביטס־קאָמיסאַר אַליין האָט ניט געקענט פאָרן, האָט ער געשיקט ווי זיינעם אַ פאַרטרעטער, דעם זשאַנדאַרמעריע־שעף קעראָן, מיט אַ סוויטע פון 80 פּערזאָן, אַלע ס"ס־לייט. אויף דער סטאַנציע קרולעווסטשינקא האָט דער פּולקאָווניק ראַדיאָנאָוו צוגעגרייט אַ קייט פון פּאַרטיזאַנער, און די געסט זיינען אויפגענומען געוואָרן מיט אַ האָגל פון קוילן. קיין איינער פון זיי איז ניט געבליבן לעבן. דאַן האָבן די פּאַרטיזאַנער באַלד חרוב געמאַכט די באַן־ליניע קרולעווסטשינקאַ—גלובאָק און זיך געשטעלט אין קאַמף קעגן די דייטשן.

דער טאַט פון פּולקאָווניק ראַדיאָנאָוו האָט אַריינגעבראַכט די דייטשן אין שרעק, אַז די פּאַרטיזאַנער זאָלן ניט באַפאַלן דאָס געטאָ אין גלובאָק און באַפרייען דאָרט די יידן. 20 טעג אין אָב 1943 האָט דער געביטס־קאָמיסאַר פון גלובאָק וויטוויצקי מיט אַ גרופּע מיליטער און ס"ס־לייט באַלאַגערט דאָס געטאָ. זיי האָבן דאָרט געגומען אונטערצינדן די הייזער און באַשיסן מיט מאַשין־געווער פון אַלע זייטן. ווער עס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין די בונקערס איז אומגעקומען פון די גראַנאַטן, וואָס זיינען געפאַלן אין געטאָ, און פון פייער און רויך. געראַטעוועט האָבן זיך נאָר 10 יידן, וועלכע זיינען אַוועק צו ראַדיאָנאָווס פּאַרטיזאַנער. דער פּולקאָווניק האָט מיט די פּאַרטיזאַנער ווייטער פאָרגעזעצט זיין אַרבעט. אומגעריכט איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ דייטשער בלאָקאַדע אין ראַיאָן פון וועטריסק. פּאָלאָצקער געביט. דאָ איז ער אומגעקומען צוזאַמען מיטן גרעסטן טייל פון זיינע פּאַרטיזאַנער.

אָנפאַנג סעפּטעמבער 1943 איז פאָרגעקומען דער אַטענטאַט אויפן געביטס־קאָמיסאַר פון ווייסרוסלאַנד ווילהעלם קובאַ, וועלכער איז דורך אַ באָמבע אין זיין בעט צעריסן געוואָרן אויף שטיקער. דער אַטענטאַט איז ווונדערבאַר דורכגעפירט געוואָרן פון אַ יידישער פּאַרטיזאַנערין, וואָס איז געווען פאַרשטעלט פאַר אַ דאָרפס־מיידל און געאַרבעט ביים געביטס־קאָמיסאַר ווי אַ הויז־דינסט. די לאַגע אין ווייסרוסלאַנד איז פאַרשאַרפט געוואָרן ביז גאָר, און עס איז געקומען אַ דייטשער באַפעל צו אויסראָטן די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער און ליקווידירן דעם מינסקער געטאָ, וואָס האָט דאַן געציילט פון 70 ביז 80 טויזנט יידן. די ליקווידאַציע פון געטאָ איז פאָרגעקומען אויפן שרעקלעכסטן אופן. אין דער זעלבער צייט האָט די געשטאַפּאָ צוזאַמען מיט דער ווייסרוסישער פּאָליציי דורכגעפירט אַ בלאָקאַדע אויף די

וועלדער, ווו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן פּאַרטיזאַנער. דאָס האָט געדויערט פון 17־טן סעפּטעמבער ביזן 2־טן אָקטאָבער. זיי האָבן פאַרברענט און פאַר־ניכטעט דערפער איבער הונדערטער קילאָמעטער. אויך אין די וועלדער איז געווען שרעקלעך. 6 טעג כסדר און אָן איבעררייס האָבן באָמבאַרדירט שווערע אַעראָפּלאַנען. אַ גרויסע טייל קריסטן פון די דערפער זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן; וווהין ווייס מען ניט. די באַשולדיקטע אין האָבן באַציאונגען מיט די פּאַרטיזאַנער זיינען באַלד אומגעקומען.

טאַראַראַקאָ, דער קריסט ביי וועמען איך בין געווען אויסבאַהאַלטן, האָט אין זיין שטאַל אויסגעגראָבן אַ גרוב פאַר מיר און דאָרט מיך אַריינגע־לייגט און באַדעקט פול מיט היי. דריי טעג בין איך דאָרט אָפּגעלעגן אינגאַנצן אָן עסן. אויפן פערטן טאָג, האָב איך עפּעס באַקומען נאָר די נשמה צו דערהאַלטן. ער האָט אָבער דערזען, אַז עס האַלט זייער שלעכט. אַלץ ברענט, מען זוכט פון הויז צו הויז. איז ער דאַן אַוועק אין וואַלד. ווען די בלאָקאַדע איז אַדורך און עס איז געוואָרן רואיקער, בין איך אַרויס פון מיין באַהעל־טעניש אַ צעבראָכענער. איך האָב זיך אויף די פיס ניט געקענט שטעלן.

אין פעברואַר 1944 איז פון די דייטשן באַשטימט געוואָרן ווי אַ פּרעז־זידענט פון ווייסרוסישן נאַציאָנאַל־ראַט אָסטראָווסקי (Ostrowski). ער האָט גלייך אַרויסגעלאָזן אַ באַפעל וועגן מאָביליזאַציע פון מענער פון 20 ביז 40 יאָר. אין אַלע שטעט און שטעטלעך האָבן זיך אונטערן אָנפיר פון די דייטשן געשאַפן מיליטערישע קאָמאַנדעס מיטן נאָמען .S. Ch (סאַמאַ אכאָווא). די מאָביליזאַציע איז דורכגעפירט געוואָרן אין ברייטן מאַסשטאַב. אין אַלע שטעט און שטעטלעך האָבן זיך איינגעפונען טיילן פון אָט דער אַרמיי. גלייכצייטיק האָבן אָבער די פּאַרטיזאַנער געשאַפן אַ קאָנטער־מאָביליזאַציע. פון דאָרף צו דאָרף זיינען זיי אַרומגעגאַנגען און רעקרוטירט פויערים פאַר פּאַרטיזאַנער. איך בין אויך דאַן אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד. איך בין אַריינגעטראָטן אין דער פערטער ווייסרוסישער בריגאַדע. מען האָט מיך צוגעטיילט צום ווירט־שאַפטלעכן אָפּטייל.

דעם 2.6.44, אַ מאָנאַט פאַר דער באַפרייאונג, זיינען מיר באַפאַלן גע־וואָרן דורך 4 דייטשע דיוויזיעס. זיי האָבן אין פּלאַצקער געביט אַרומגע־רינגלט פון דעם טייך דיסנע ביז די גרויסע וועלדער פון מינוכי. די אָנפאַלער האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן מיט אַ גוואַלדיקער מאָטאָריזירטער אַרמיי פון טאַנקעס און אַעראָפּלאַנען. מיר זיינען געווען אין רינג דריי טעג. 40 פּראָצענט פון אונדזערע פּאַרטיזאַנער זיינען אומגעקומען, צווישן זיי אויך 30 יידן. עס איז אויך געפאַלן דער קאָמאַנדיר פון דער פערטער ווייסרוסישער בריגאַדע, יאַרמאַק, אַ רוס. אויפן פערטן טאָג האָבן מיר דורכגעריסן דעם רינג און אַרויס פון וואַלד. מיר האָבן חורב געמאַכט און פאַברענט די מאַשינעס און

דעם גאַנצן דאָרף סטאַרי פּאָהאָסט, ווו די דייטשן האָבּן זיך אויפגעהאַלטן. אַרויסקריכענדיק פון די בּלאָטעס האָט אונדזער אָפּטייל געציילט נאָר 3000 מאַן

דעם 1.7.44 איז געקומען די רויטע אַרמיי און האָט אונדז בּאַפרייט. יעדער פון אונדז איז אַוועק זוכן זיין היים.

מ ש ה  ט ר י י ס ט ע ר

אויפגענומען אין דער היסטאָרישער
קאָמיסיע בּאַד רייכענהאַל.

(צ.ה.ק. 545/483)

---

# 3. בּ י י ר אַ ד ו ן

## א.

ראַדון, אַ שטעטל אין לידער קרייז, נים ווייט פון ווילנע, איז געווען בּאַרימט מיטן גאון און צדיק דעם „חפץ־חיים" און מיט דער גרויסער ישיבה. דעם 16־טן נאָוועמבער 1941 האָבּן דאָ די דייטשן געמאַכט אַ געטאָ פאַר די יידן פון שטעטל, ווי אויך פאַר די יידן פון די אַרומיקע מקומות, ווי נאַטשע, בּאַסטון, דאַוגיאַלישקי. אַהער זיינען אויך צוזאַמענגעלאָפן אַ סך יידן, געראַטעוועטע פון די שחיטות פון איישישאָק, אָראַן און אָלקעניק.

דעם 8, 9 און 10־טן מאַי 1942 איז אויך אין ראַדונער געטאָ פאָרגעקומען אַ שחיטה. כמעט אַלע יידן, בּיי 2000 נפשות זיינען אין די טעג דאָ ליקווידירט געוואָרן.

ערב דער שחיטה איז דאָס געטאָ אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַ שטאַרקע וואַך פון ס"ס און פוילישער פּאָליציי. אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט און אונטער דער נאָכאַנאַנדיקער שיסעריי האָבּן זיך נים ווייניק יידן פּאַרמאָסטן צו אַדורכרייסן זיך אויסן שטעטל. אין די דריי נעכט פון בּאַלאַגערונג זיינען פון די געלאָפענע יידן געפאַלן טויט בּיי 150. אַרום 300 האָבּן זיך דאָך דורכגעריסן לעבעדיקע. די געראַטעוועטע זיינען אַנטלאָפן אין די וועלדער צו בּאַקאַנטע קריסטן, אין די דערפער און אין די קאָלאָניעס (איינצל־זידלונגען). דער גרעסטער טייל יינגערע זיינען גלייך אַוועק אין די „רוסישע פושטשע". דאָס איז אַ גרויסער וואַלד מיט פיל זומפן, וואָס ציט זיך צווישן לידע און גראָדנע בּיז בּיאַליסטאָק. די אַנטלאָפענע יידן פון ראַדון האָבּן זיך בּאַזונדערש קאָנצענטרירט אין דעם טייל, וואָס איז בּאַקאַנט אונ־

טערן נאָמען "נאַטשע־פּושטשע", ביים דאָרף נאַטשע, 11 ק"מ פון ראַדון. דאָ האָט פריער געוווינט אַ מנין יידן. די עטלעכע יוגנטלעכע פון דאַנען, וועלכע זיינען אויך געווען צווישן די אַנטלאָפענע, האָבן זיך גלייך גענומען צום אָר־גאַניזירן אַן אָטריאַד (גרופּע) פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן גלייך געשאַפן געווער, וואָס זיי האָבן איינגעקויפט פון באַקאַנטע קריסטן פאַר גאָלד, שטיוול, בגדים און זיינערלעך. צו די זיינען צוגעשטאַנען אויך עטלעכע רוסן פון די מאַסן אַרבעטער, וועלכע די סאָוויעטן האָבן ניט לאַנג געהאַט אַריינגעבראַכט פון טיף־רוסלאַנד צום בויען דעם נאַטשער אַעראָדראָם. די דייטשן האָבן די אַלע רוסן אַרויסגעפירט קיין דייטשלאַנד, און נאָר געציילטע זיינען אַנטלאָפן און זיך אַרומגעשלעפט איבער די וועלדער. די יידן האָבן זיי אַריינגענומען אין אָטריאַד, און חברה האָט זיך צוזאַמען גענומען צו דער אַרבעט. די אָנפירער זיינען געווען די 4 ברידער אַסנער פון נאַטשע. זייער פאָטער האָט געהייסן איציק, און די קריסטן האָבן זיי גערופן „איצקוצי"; די ברידער איצקוצי. צו אָט די פיר איז נאָך געווען אַרקע בערקאָוויטש, אַ בחור פון ראַדון, וועלכן מען האָט דאָרט גערופן „אַרקע דער קירגיז" צוליב זיין שנעל גיין אין מאַרש.

דער אָטריאַד איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. עס זיינען צוגעקומען אַ סך אַנטלאָפענע רוסישע געפאַנגענע, פיל יידישע בחורים און מיידלעך, אַנט־לאָפענע פון שחיטות און פון די געטאָס אין לידע, ווילנע, גראָדנע אאז"וו. די יידישע חברה זיינען נאָך לאַנגע מאַרשרוטן צו מיזרח געקומען אין קאָנ־טאַקט מיט פּאַראַשוטיסטן פון מאָסקווע, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די גרעסערע אָטריאַדן אַרום מינסק, אין די ווייסרוסישע וועלדער. צווישן די מאָסקווער פּאַראַשוטיסטן איז אויך געווען אַ יידישער קאַפּיטאַן, דאַווידאָוו. מען פלעגט באַפאַלן די דייטשן און צונעמען פון זיי דאָס געווער. די ברי־גאַדע האָט באַקומען דעם נאָמען „לענינסקי קאָמסאָמאָל". מען פלעגט אויפ־רייסן פיל בריקן, צעקלאַפן די דייטשע פּאָליציי־וואַכן, אין די אַרומיקע שטעטלעך. אין דער זעלבער געגנט פון לידע־ווילנע האָט מען אויך אַרונטער־געלאָזן צענדליקער צוגן לעבן אָראַן, אָלקעניק, מאַרצינקאַנץ, באַסטון. אַ יידישער פּאַרטיזאַן פון דאַווידאָווס אָטריאַד, אייזיק לעוואָ, האָט איינער אַליין געהאַט אַרונטערגעלאָזן 14 צוגן. דעם 4־טן יולי 1944, 7 טעג פאַרן אָנקומען פון דער רויטער אַרמיי, איז ער ביים אַרונטערלאָזן דעם 15־טן צוג, ניט ווייט פון דער סטאַנציע אָראַן, געפאַלן פון אַ דייטשער קויל.

די יידישע יוגנטלעכע פון דער בריגאַדע „לענינסקי קאָמסאָמאָל" אין נאַטשער פּושטשע זיינען געגאַנגען אין די געפערלעכסטע שליחות. זיי זיינען אויך געווען די הויפּט־ צושטעלער פון געווער. געצאָלט האָבן זיי מיט זייער אייגענעם געלט אָדער לעדער און שניט־סחורה. צום מערסטן האָבן זיך אויס־

געצייכנט דער „קירגיז" און די 4 ברידער „איצקוצי'. זיי האָבן גוט געוווּסט דעם וואַלד מיט אַלע זיינע שטעגעלעך. זיי פלעגן אַרויספירן דעם אָטריאַד פון אַלע סכנות און אָבלאַוועס, וואָס די דייטשן פלעגן דורכפירן אויף זיי. איך מיט מיין פרוי און קוזינע חיה ראַגאָווסקאַ האָבן באַקומען די אויפגאַבע אָנצופירן מיטן שפּיאָנאַזש פאַרן אָטריאַד. מיר פלעגן זיצן ביי קריסטן אין די דערפער, צו 2‒3 מאָנאַט ביי אַ קריסט נאָענט לעבן די פּושטשע און שטענדיק געבן צו וויסן דעם אָטריאַד פון אַלץ, וואָס מיר פלעגן זיך דערוויסן וועגן די דייטשן אַרום. די ידיעות פלעגן אונדז צושטעלן אונדזערע פאַרבינדעטע קריסטן, וועלכע מיר פלעגן אין יעדן דאָרף זיך שאַפן פאַר געלט. די פּוילישע קריסטן פלעגן אונדז מוזן האַלטן און שווייגן, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פאַר דער נקמה פון אָטריאַד. מיר זיינען אַזוי געזעסן ביי אַ 2 יאָר צייט אין מער־ווייניקער זיכערע ערטער. די גאַנצע לעצטע 15 חדשים האָבן מיר זיך געפונען ביים קריסט וואָיצעק שאַפּקאָווסקי אין דאָרף פּוזעל, 2 ק"מ פון פּושטשע.

ערב יום־כפור תש"ד (8.10.1943) זיינען צו אונדז אויף אַ באַזוך געקומען 8 יידישע באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער פון קאַטאָווסקיס אָטריאַד (קאַטאָווסקי — אַ ווייסרוסישער רעוואָלוציאָנערער העלד). מיר האָבן צוזאַמען מיט זיי באַשלאָסן צו פאַסטן יום־כפור. אונדזערע געסט האָבן מיטגעבראַכט אַ פּאָר הינער. די באַלעבאָסטע אונדזערע האָט אויסגעבאַקן עטלעכע חלות. פאַרנאַכט האָבן מיר זיך, אַלע 11 מאַן, פאַרפאַסט, עטלעכע האָבן אַפילו געבענטשט נאָכן עסן. שפּעטער, שוין פאַרן שלאָפן גיין, האָבן מיר פּלוצלונג דערהערט, ווי דעם פּויערס הינט בילן שטאַרק. מיר זיינען אַלע צוגעלאָפן צום פענצטער און דערזען אין דער טונקלהייט. ווי מענטשן מיט געווער אין די הענט שפּרינגען פון אַלע זייטן איבערן פּאַרקאַן און לויפן צו אונדז אין שטוב. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס זיינען די ווייסע פּאָליאַקן, וועלכע זוכן און מאָרדן אויס די לעצטע איבערגעבליבענע יידן. זיי זיינען דאָ געווען מוראדיק גרויס אין צאָל קעגן אונדז. מיר האָבן גלייך געעפנט די באַהעלטעניש, וועלכע מיר האָבן געהאַט שוין פון לענגער צוגעגרייט אונטער דער פּאָדלאָגע, על כל צרה שלא תבוא. מיר אַלע 11 זיינען מיט דעם גאַנצן געווער אַהין אַריינגעקראָכן. דער זון פון דעם באַלעבאָס האָט קוים באַוויזן צו פאַרמאַכן אונדז און פאַרדעקן די גרוב מיט ברעטער. גלייך איז געוואָרן אַ פולע שטוב מיט פּאָליאַקן. זיי האָבן גענומען זוכן אומעטום. מיר האָבן געהערט, ווי זיי גייען אַרום איבער אונדזערע קעפּ, ווי זיי שרייען און דראָען די שטוביקע, אַז זיי זאָלן אַרויסגעבן די „זשידוווקע" (יידין), וועלכע געפינט זיך ביי זיי. זיי האָבן געפּרוווט מיט גוטן און מיט בייזן, ס'האָט אָבער ניט געהאָלפן; אַלע שטוביקע האָבן געלייקנט שטיין און ביין. „ביי אונדז איז קיין זשידוווקע נישטאָ", האָט געטענהט די באַלעבאָסטע, „אויב איינער האָט

געזען ביי אונדז די זשידזווקע, האָט יענער אַ טעות געהאַט, ווייל מיין שוועסטער איז אַ ביסל ענלעך צו אַ יידישקע, און זי איז ביי מיר געווען די וואָך צו גאַסט". מיר זיינען געווען זיכער, אַז די שטוביקע וועלן אונדז ניט אַרויסגעבן, ווייל עטלעכע קילאָמעטער פון פוזעל האָט זיך געפונען אונדזער אָטריאַד, וואָס קען נקמה נעמען.

דריי טעג זיינען די ווייסע פּאָליאַקן אָפּגעזעסן ביי אונדזער פויער אין שטוב און אויך געהיט דעם גאַנצן דאָרף. זיי האָבן אַלץ געוואַרט, אַז ווער פון די רויטע אין וואַלד זאָל קומען אַהער. מען האָט זיי משמעות דערציילט, אַז דורך נאַכט באַזוכן דאָ אָפט יידישע פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן אָבער געוואַרט אומזיסט: קיינעם האָבן זיי ניט געכאַפּט. די דריי טעג אין „מאַלינע" זיינען מיר שיר ניט דערשטיקט געוואָרן. פאַר 11 מאַן איז דאָ געווען צו ענג. די עפענונג, דורך וואַנען מיר האָבן באַקומען לופט, האָט מען ניט געקענט מאַכן גרעסער, ווייל לעבן דעם קליינעם לופט-לעכל איז געשטאַנען אַ וואַך. אונדזער קלוגע באַלעבאָסטע האָט דאָרט אַוועקגעשטעלט אַ קאָריטע פאַר הינער און זיי געקאָרמעט אַ גאַנצן טאָג: ביים ברענגען עסן פאַר די הינער, פלעגט זי דורכן לופט-ראָר אויך אַריינשיטן פאַר אונדז טאָרבעס מיט געקאָכ-טע אַרבעס און שטיקלעך טרוקענע קעז, ווי אויך פלעשלעך וואַסער. דערביי פלעגט זי כלומערשט ריידן צו די הינער. אָבער מיר האָבן פאַרשטאַנען וואָס זי מיינט: „אַלץ איז גוט, און זיי וועלן מסתמא גאָר גיך אַוועקגיין".

ב.

נאָך אַ דריי טאָגיקער באַלאַגערונג זיינען די פּאָליאַקן אַוועק. אונדזערע געסט, די 8 מאַן, האָבן אויך גלייך פאַרלאָזן די פינצטערע מאַלינע. זיי איז דאָס ליגן אין באַהעלטעניש געפאַלן באַזונדערש שווער, ווייל זיי זיינען גע-וווינט צו באַוועגן זיך אין די פרייע וועלדער, קעמפן, אָבער ניט ליגן באַ-האַלטן מיט געווער. איצט האָבן מיר דאָ אין שטוב געוואַרט אויף אַ באַפעל וואָס צו טאָן און וווהין אַריבערגיין. מיר האָבן ניט געספקט, אַז די פּוילישע באַנדיטן וועלן נאָך קומען אונדז זוכן פון דאָס ניי. און כך הווה. עס זיינען קוים אַריבער אַ פּאָר טעג, ווי עס האָבן זיך ווידער באַוויזן די באַנדע ווייסע פּאָליאַקן „קריסיעס אָדזיאַל", אַ קאַמף-גרופּע אויפן נאָמען פון זייער פירער קריסיע. דאָס מאָל זיינען זיי אָבער ניט געקומען אונדז זוכן, נאָר פאַרנעמען דאָס הויז פון פויער. זיי איז פּשוט געפעלן געוואָרן די שטוב פאַר זייער קאָנספּיראַטיווער אַרבעט. דאָ האָבן זיי איינגעאָרדנט זייער שטאַב...

מיר זיינען געבליבן ווי אַ מויז אין פּאַסטקע, ניט אַוועקצוגיין און ניט צו בלייבן. אַרום און אַרום שטייען טאָג און נאַכט וועכטער. מיר ליגן ווייטער אין מאַלינע, און די באַלעבאָסטע קאָרמעט אונדז פון דרויסן צוזאַמען מיט די הינער. פאַר אונדזער קלוגער באַלעבאָסטע איז ניט שווער זיך אַרויסצודרייען

אויך פון דער פאַרוויקלטסטער לאַגע. זי גיסט אָן פעטס אויף דער פּליטע, עס ווערט אַ געפּערלעכער טשאַד אין שטוב. די שקצים, וועלכע זיצן דאָ, לויפן אַלע אַרויס אויף דער גאַס. זי נוצט דערוויל אויס די מינוט, כאַפּט אונדז אַרויס פון מאַלינע און פּאַקט אונדז אַריין אין „סקלאַדיק" פון פאָרהויז. אין עטלעכע מינוט אַרום רופט זי זיי צוריק אַריין אין שטוב און אונדז דריי פירט זי ביינאַכט אין דער פינצטער אַרויס דורך אַ לאָך פון פונדאַמענט, וואָס זי האָט געמאַכט אַרויסנעמענדיק פון דאָרט אַ שטיין, און זעצט אונדז אַריין אין שטאַל אויפן בוידעם. אַרום שטאַל לעבן וואַלד שטייט אַ שטענדיקע וואַך. אַוועקגיין צום אַטריאַד אין וואַלד קען מען ניט. פון אַטריאַד קומען צו אונדז קען מען אויך ניט.

די מענטשן פון אונדזער אַטריאַד האָבן דאָך באַשלאָסן זיך פאַרבינדן מיט אונדז. זייער פּלאַן איז געווען פריער אַרויסנעמען אונדז פון פויערס שטוב און נאָכדעם אויפרייסן דעם גאַנצן שטאַב. דאָס האָט זיך אָבער ניט איינגעגעבן. די פּוילישע פּאָסטנס האָבן באַמערקט. עס האָט זיך צעפּלאַקערט אַ שיסעריי פון ביידע זייטן. די פּאַליאַקן האָבן אויך באַנוצט מאַשין-געווער און ראַקעטן. אין צוזאַמענשטויס איז ביי 100 מעטער פון אונדזער שטאַל גע-פאַלן אַרקע „ציזיק", דער יינגסטער פון די 4 ברידער „איצקוצי". איצט איז אונדז אין שטאַל שוין ניט געבליבן קיין אַנדער אויסוועג ווי נאָר וואַרטן אויף אַ נס.

געשלאָפן זיינען מיר אין שטאַל גאַנץ רואיק, געקענט אפילו כראָפּענען, ווייל די שטאַל אונטן איז פול געווען מיט קי, פערד, שעפּסן, חזירים, און די האָבן שוין אַלץ פאַרשריען. דער בעל-הבית האָט אויך פאַרקלאַפּט און פאַרשטעקט דעם בוידעם פון אַלע זייטן. נאָר איין קליין ברעטל פלעגט זיך אָפּרוקן, דורך וואַנען מיר פלעגן קריגן דאָס עסן, וואָס מען פלעגט אונדז אַריינברענגען צוזאַמען מיט דער קאָרמע פאַר די בהמות. דער בוידעם איז פול געווען מיט היי און שטרוי, אין וועלכע מיר האָבן זיך געמאַכט אַ גוטע נאָרע און פלעגן דאָרט אַזוי ליגן טאָג און נאַכט. צווישן זיך האָבן מיר גע-קענט זיך דערלויבן ריידן נאָר שעפּטשענדיק, ווייל אונטן אין שטאַל פלעגן אָפט אַריינגיין די וויסע צו זייערע פערד, און אַ מענטשיש קול לאָזט זיך דאָך אונטערשיידן.

דער הויף איז געווען פול מיט די פּוילישע פּריהייטס-קעמפער, וואָס זייער עיקר „קאַמף" איז באַשטאַנען אין פריי מאָרדן יידן. זיי האָבן דאָס אויסגעמאָרדעט פיל יידישע קינדער, וועלכע האָבן זיך געוואַלגערט ביי די קריסטן אַלס פּאַסטעכער, אָדער אַרומגעבלאָנדזשעט צווישן קוסטעס און וועלדלעך און פון מאָל צו מאָל זיך אַריינגעשאַרט אין אַ דאָרף אויף אויס-בעטלען אַ שטיקל ברויט. די פּוילישע „פריהייטס-קעמפער" פלעגן אויך

אָפּהיטן די רויטע פּאַרטיזאַנער, בעת יענע פּלעגן זיך צוריקקערן מידע נאָך אַ מאַרשרוט פון אַראָפּלאָזן אַ צוג אָדער צעקלאַפּן ווי אַ דייטשן גאַרניזאָן. דאַן פּלעגן עס די פּאָליאַקן מאַכן זייערע לויערונגען אויף די עכטע קעמפער — פּאַרטיזאַנער. זעלטן ווען זיי האָבן אָנגעריררט אַ דייטש. ביי אַזוינע צוזאַמענשטויסן האָבן פאַרלוירן זייערע יונגע לעבנס פיל העלדישע יידישע פּאַרטיזאַנער, די בעסטע קעמפער פון „לענינסקי קאָמסאָמאָל”־בריגאַדע, ווי יאַנקע־לעוויטש פון ווילנע, פּאָטשטער פון וואַסילישאָק, לייבע חפץ פון איישישאָק, שלמה קורלאנסקי פון אָראַן, לייב כץ פון אָלקעניק און נאָך פיל גוטע חברה. די ווייסע באַנדיטן האָבן אַרויסגעשלאָגן ביי די יידן דאָס געווער פון האַנט, בעת אָבער אַ דייטשן סאָלדאַט, דעם אמתן שונא פון זייער פאָלק האָבן זיי זעלטן ווען אָנגעריררט.

קאַלט איז אונדז דעם ווינטער אויפן בוידעם ניט געווען. דער ווינטער פון 1943/44 איז געווען לינד, דערצו זיינען מיר געלעגן אין פיל היי מיט קישנס. צום עסן האָבן מיר געהאַט גענוג, ווייל אונדזערע באַלעבאַטים זיינען געווען גאַנץ רייך, דערצו אויך ניט קיין שלעכטע. אפשר מער קלוג ווי גוט. זיי האָבן געוווסט, אַז מיר געהערן צו אַן אָטריאַד, וואָס וועט סוף־כל־סוף זיין דער זיגער, און מען מוז זען די צוקונפט מיט העלע אויגן.

פון בוידעם־אַרויס פּלעגן מיר זען, ווי די מענטשן פון „קריסיעס אָד־זשיאַל” מושטירן זיך. פיל פון זיי פּלעגן אויך שלאָפן אין גרויסן שייער דער־ביי. שפּעטער שוין אין די זוניקע טעג פּלעגן זיי זיך ברענען אויף דער זון. מיר פּלעגן הערן זייערע שמועסן ווענגן די אַלע מאַרשרוטן און זייערע מעשים פאַרן גאַנצן טאָג. דאָס וואָרט „זשיד” פּלעגן זיי ניט אַרויסלאָזן פון מויל. איינמאָל אַ פאַרנאַכט, דעם 27־טן אָקטאָבער 1943, האָבן מיר דערהערט אַ שיסעריי פונדערווייטנס, פון אַרום דעם דאָרף ראַקיצענישאָק, ביי 5 קמ. פון אונדז. אויף מאָרגן האָבן מיר דורך דער שמאָלער עפענונג פון דאַך דערקענט אויף די פּיס פון איינעם פון די פּוילישע באַנדיטן די רויטע שטיוול פון אַרקע דעם קירגיז. אַ צווייטער פּאָליאַק האָט געטראָגן זיין לעדער־מאַנטל. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז ביי אַ צוזאַמענשטויס מיט די פּוילישע מערדער האָט אַרקע בערקאָוויטש פון ראַדון, דער בעסטער און אומדערשראָקענער יידישער פּאַרטיזאַנער אין נאַטשער פּושטשע, פאַרלאָרן זיין 20־יעריקן לעבן.

פון אונדזער בוידעם פּלעגן מיר גאַנץ אָפט באַמערקן שרפות דערביי. דאָס פּלעגן ווידער טאָן די ווייסע פּאָליאַקן ביים אויפדעקן ווו יידן. זיי פּלעגן דאָס הויז אָדער שייער פאַברענען צוזאַמען מיט די יידן. איינמאָל נאָך אַזאַ שרפה האָבן מיר געהערט ווי די באַנדיטן ריידן צווישן זיך אויפן הויף; „אָבער ווער וואָלט זיך דאָס פאָרגעשטעלט, אַז דזשיזקעוויטש פון ליאָווקישאָק זאָל האַלטן 8 יידן ביי זיך אין שייער... די יידן האָבן זיך גלייך אונטערגעגעבן. איינער

אָבער פון זיי, הירש קאַרקלינסקי, דער זייגערמאַכער פון אָראַן, האָט געהאַט ביי זיך אַ ביקס און האָט זיך געווערט ביז לעצט... דאַן האָט ער זיין לעצטע קויל זיך אַליין אַריינגעשאָסן... ניט געלאָזט זיך נעמען אַ לעבעדיקער!..״

ווי צעבראָכן זיינען מיר אויפן בוידעם געוואָרן, ווען איינמאָל קוקנדיק צום הויף האָבן מיר דערזען ווי עטלעכע סאָלדאַטן זיצן זיך אויפן גראָז און טיילן זיך שפּולקעס פּאָדעם. פון זייער שמועס דערביי האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָבן זיי דערהרגעט יודעלע קאָפּעלמאַן פון ראַדון... יודעלע קאָפּעל־מאַן דער שניידער מיט זיין פרוי און 2 קליינינקע קינדערלעך און שוועגערין האָבן זיך געראַטעוועט פון דער ראַדונער שחיטה. חדשים און יאָרן האָבן זיי זיך געפּלאָגט ביי באַקאַנטע פּויערים און אין די פאַרשיידענע וועלדלעך. עטלעכע מאָל ניצול געוואָרן פון דייטשע אָבלאַוועס און פון פּולי־שער פּאָליציי. דעם קליינעם, שוואַכינקן שניידערל פלעגן מיר אָפט אָנטרעפן ביינאַכט אויף אונדזערע מאַרשרוטן, ווי ער שלעפּט זיך אין די פינצטערע, קאַלטע, רעגנדיקע נעכט אין די בלאָטעס מיט אַ קריגעלע מילך, אַ לעבעלע ברויט און זעקעלע קאַרטאָפל, וואָס ער פלעגט אויסבייטן ביי זיינע באַקאַנטע גויים, וועלכע האָבן זיך אַמאָל גענייט ביי אים אין ראַדון. ער פלעגט גיין מיט שפּולקעס פּאָדעם אין די קעשענעס; גיין און בייטן די פּאָדעם אויף עסנוואַרג. פינצטער און דאַר האָט ער אויסגעזען פון דער אָנאויפהעריקער פּיין. דאָך האָט ער זיך געהאַלטן מיט זיין גאַנצער פאַמיליע, מיט אַלע כוחות געקעמפט פאַרן לעבן. די לעצטע צייט האָט ער פאַר פיל געצאָלט שוין געהאַט אַ שטענדיקן אָרט ביי אַ קריסט. און דאָך האָט דער קריסט, זיין גוטער אַלטער באַקאַנטער, ניט געקענט ביישטיין דעם נסיון פון יודלס טאָרבע שפּולקעס מיט פּאָדעם און האָט אָנגעפירט די ווייסע, וועלכע האָבן מכלומרשט געזוכט און אויפגעדעקט אונטער דער ברויט־דייזשע דעם קעלער. פון דאָרט האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט די גאַנצע פאַמיליע קאָפּעלמאַנס און זיי אויסגעשאָסן... דאָס איז געווען אינגאַנצן אַ פּאָר חדשים פאַר דער באַפריי־אונג!.. איצט זיצן זיי, די ווייסע פּאָליאַקן, און טיילן זיך מיט די שפּולקעס פּאָדעם פון דער טאָרבע אַרויס. זיי דערציילן די גאַנצע מעשה פאַר די אַנ־דערע חברים: ווי זיי האָבן אויפגעהויבן די דייזשע און אַ לייכט געטאָן מיט אַ לעמפּל; ווי זיי האָבן דערזען די צעשראָקענע פּנימער פון די יידעלעך; ווי די האָבן זיך גענומען בעטן ביי זיי, פאַלן צו די פיס. „מיר האָבן זיי געזאָגט: גוט מיר לאָזן אייך אָפּ, גייט, איר בלייבט לעבן. אָבער שטעלנדיק די ערשטע טריט האָבן די יידלאַקעס אַלץ געקוקט אויף הינטן, צו אונדז, ווי ניט גע־טרויענדיק. ווען זיי זיינען אָפּגעגאַנגען אַ 10—15 טריט האָבן מיר געעפנט אַ פייער און זיי אַלעמען דערליידיקט...״ יעדער סאָלדאַט פון די אָנטיילנעמער באַקומט איצט דאָ אויפן גראָז צו 2 שוואַרצע שפּולקעס פּאָדעם, שוואַרץ ווי די הערצער און נשמות פון די פּוילישע „פרייהייטס־קעמפער״; און צו 3

ווייסע שפּולקעס — ווייס און קלאָר ווי די נשמות און הערצער פון יודעלע קאָפּעלמאַנס פאַמיליע, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן לעבן דאָרף פאַסטאַווקע.

ג.

דעם 1־טן יולי 1944 ביינאַכט הערן מיר עפּעס טעמפּע קלעפּ, ווי די פערד אין שטאַל וואָלטן בריקענען אין די ווענט. אָבער וואָס עפּעס בריקענען זיי אַ גאַנצע נאַכט אָן אויפהער? מיר האָבן דאָס ניט פאַרשטאַנען. די צווייטע נאַכט ווידער אַזוי. זאָל עס אַמאָל ניט זיין פון פראָנט? — האָבן מיר צווישן זיך איבערגערעדט, אָבער באַלד־גלייך זיך אַליין אויסגעלאַכט פון דעם נאַרישן געדאַנק. מיר פאַרשטייען אויך ניט פאַרוואָס הערן מיר די קלעפּ נאָר ביינאַכט און ניט ביי טאָג. מיר פרעגן אונדזער באַלעבאָסטע וועגן דעם. דערציילט זי אונדז, אַז ניט די פערד קלאַפּן דאָס, נאָר די דייטשן פירן דורך גרויסע אָבלאַוועס אויף די רויטע פּאַרטיזאַנער אין רודניקער פּושטשע. די אָבלאַוועס גייען טאָג און נאַכט. ביי טאָג הערט זיך דאָס שיסן שוואַך, ביי נאַכט קלינגט עס אָפּ שטאַרקער... אויפן דריטן טאָג קומט די זעלבע באַלעבאָסטע צו לויפן מיט אַ בשורה פאַר אונדז: די סאָוויעטן האָבן דורכגעריסן דעם פראָנט ביי אָרשע און זיי גייען פאָרויס! די ווייסע טרעטן אויך אָפּ פון דאַנען; עס איז ביי זיי אַ בהלה, זיי ווייסן ניט וווהין צו גיין און וואָס צו טאָן...

אונדזער פרייד אין יענע טעג איז ניט צו באַשרייבן. מיר האָבן ממש ניט געגעסן און ניט געשלאָפן. גאַנצע נעכט פלעגן מיר זיצן און קוקן דורך דעם שטרויענעם דאַך (מיר האָבן שוין געמאַכט גרויסע לעכער אין דאַך), ווי די רוסישע אַוויאַציע פליט אַרום און באָמבאַרדירט דעם פראָנט פון אַרום ווילנע. יעדער קלאַפּ פון אַ האַרמאַט האָט געמאַכט אונדזערע הערצער קלאַפּן שטאַרקער פון פרייד און האָפענונג. עס דערנענטערט זיך די מינוט אויף וועלכער מיר האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט!

און דינסטיק, דעם 11־טן יולי 1944, 2 אַ זייגער ביי טאָג. האָבן מיר דערזען דורכן שטרויענעם דאַך ווי עס גייען עטלעכע רויטאַרמייער צו אונדזער שטוב. איך האָב קוים די פרויען איינגעהאַלטן. זיי זיינען שיר ניט פון זינען אַראָפּ פון פרייד. מיר האָבן ניט געוווּסט וואָס מיט אונדז קומט פאָר. קען עס דען זיין אַזוי פלוצלונג? איז עס ניט קיין חלום?.. עס איז אָבער פאָרט ניט קיין חלום. אָט שטייען זיי דאָך, אונדזערע באַפרייער, און טרינקען מילך ביי אונדזער באַלעבאָסטע אויפן גאַניק!.. און די פרויען ווילן אַראָפּגיין זיך צוקושן מיט זיי, כאַפּן אַ שמועס. איך האַלט זיי קוים אָפּ פון דעם, ווייל אין וואַלד אַרום שטויב געפינען זיך נאָך פיל פון די ווייסע באַנדיטן. זיי ווייסן נאָך ניט וואָס צו טאָן און וווהין צו גיין. דער פראָנט וועט פאַרבייגיין פאַרביי

אונדזער שטוב, און דאַן וועלן מיר ווידער האָבן צו טאָן מיט די באַנדיטן. שפּעטער טאַקע קומט צו אונדז די באַלעבאָסטע און הייסט אונדז דערווייל נאָך זיצן אויפן בוידעם. „אַרום און אַרום זיינען נאָך דאָ ווייסע", זאָגט זי, „באַמערקן זיי נאָר דאָ אייך, וועל איך ליידן, און אייך קענען זיי נאָך איצט אין טומל אויך דערמאָרדן". מיר פאָלגן איר עצה און וואַרטן ווידער עטלע־כע טעג, טעג פול מיט פרייד און פּיין. אָט האָבן מיר דערלעבט אונדזער באַפרייאונג, אָבער וויפל פון אונדז האָבן דאָס דערלעבט? אָט דער געדאַנק פּייניקט אונדז אַזוי און מאַטערט, רויבט דעם שלאָף און לאָזט ניט עסן. דערצו איז אַזוי שווער פאַר באַפרייטע צו זיצן פאַרשפּאַרט. די טעג ציען זיך אַזוי לאַנג. מיר זעען ווידער די ווייסע באַנדיטן, ווי זיי קלייבן זיך אַלע צו־זאַמען אויף זייער מאַרשרוט. די קעפ ביי זיי זיינען שוין אַראָפּגעלאָזן. זיי האָבן שוין זיכער אויך קאָפּעלמאַנס שפּולקעס פאָדעם אַוועקגעוואָרפן, ווייל זיי מאַכן זיך גרינגער די פּעקלעך. איצט גייען זיי שוין ניט מאָרדן רויטע פּאַרטיזאַנער און יידן; זיי מאַרשירן דאָס איצט צום פראָנט אויף העלפן דער רויטער אַרמיי ביים אָפּנעמען ווילנע... מיר באַגלייטן זיי פון בוידעם־אַרויס מיט דער ברכה: „אַהין זאָלן זיי ניט דערגיין, אויפן וועג ניט בלייבן און צו־ריק ניט קומען". און דער ווונטש אונדזערער איז כמעט מקוים געוואָרן.

אַזוי אַרום זיינען מיר שבת פאַרנאַכט פּטור געוואָרן פון די ווייסע פּוילישע מערדער, וועלכע האָבן אין דער געגנט אויסגעמאָרדעט עטלעכע הונדערט יידן, דאָס לעצטע הייפל פון ראַדונער געטאָ. זיי האָבן געמאָרדעוועט אויף אַלע וועגן, אין די פאַרשיידענע וועלדלעך, אין די דערפער און קאָלאָ־ניעס, אומעטום ווו זיי האָבן נאָר אָנגעטראָפן אָדער געכאַפּט אַ יידן. זיי האָבן אומגעבראַכט די לעצטע, וועלכע האָבן זיך שוין געהאַט געראַטעוועט פון אַזוי פיל דייטשע אָבלאַוועס און נאָך פאַרשיידענע ניסים אַריבערגעלעבט. יאָרן האָבן זיך די מענטשן געמאַטערט, זיך געוואַלגערט ביי קריסטן אין גרי־בער, אין שטאַלן, אין וועלדלעך; זיינען שוין געווען פאַרקרעציקטע, און פאַר־לייזיקטע, פאַרהונגערט, אַרומגעבלאָנקעט באָרוועס און נאַקעט, און דאָך האָבן זיי געלעבט און געהאָפט אויף גאולה, אויף המנס מפּלה. און אָט זיי, די פּוילישע "פרייהייטס-קעמפער", האָבן זיי אויסגעמאָרדעט!..

נאָך 8 מאָנאַטן כסדר זיצן אויפן בוידעם זיינען מיר שבת ביינאַכט שוין אַריין צו דער באַלעבאָסטע אין שטוב. זונטיק פרי מיט זון־אויפגאַנג האָבן מיר זיך געלאָזט באַפרייטע און פריי גיין קיין ראַדון!

ל י י ב ל ע װ י ן

(צ.ה.ק. 667/564)

——— § § § ———

פון דער סע״ע קינדער־אַרבעטן:

# „מיינע איבערלעבונגען בעת דער מלחמה"

איך בין געבוירן געוואָרן אין וואַרשע דעם 28־טן אָקטאָבער 1931 יאָר. מיין פאָטער איז געווען דער שרייבער מ. בורשטין *), די מאַמע אַ לערערין אין אַ פאָלקשול.

צו פיר יאָר בין איך געגאַנגען אין קינדער־גאָרטן, און צו זעקס — אין ערשטן קלאַס פון דער יידישער פאָלקשול אין וואַרשע. מיר האָבן געלעבט רואיק און גוט.

לאַנג אָבער האָט אונדזער גליק ניט געדויערט. דאָס בלוט־דורשטיקע היטלעריסטישע דייטשלאַנד איז אָנגעפאַלן אויף פוילן.

ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן שווערע טעג פון באָמבאַרדירונגען, פון באַלאַגערונג וואַרשע, פון אַרטילעריע באַשיסונגען. וואַרשע האָט זיך געהאַלטן פיר וואָכן.

טראָץ דעם העלדישן פאַרטיידיקן די שטאָט, איז זי געפאַלן, און די דייטשן האָבן אַריינגעמאַרשירט אין וואַרשע. צוזאַמען מיט איז איז מיט־געקומען דער יידן־האַס און די ראַסן־טעאָריע. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע טעראָר־אַקטן קעגן יידן. מענטשן זיינען געלאָפן פון וואַרשע. צווישן די אַנטלויפנדיקע פון דעם נאָרוואָס פאַרנומענער וואַרשע איז געווען מיין פאָטער. ער איז מיט אַ גרופע שרייבער אַנטלאָפן קיין ביאַליסטאָק. איך מיט דער מאַמען זיינען געבליבן אין וואַרשע. אָבער ס׳איז געוואָרן אַלץ ערגער,

---

*) דאָס איז דער באַקאַנטער יידישער שרייבער מיכאל בורשטין (אויטאָר פון „אויף די חורבות פון פלווינע", „ביי די טייכן פון מאַזאָוויע", „גורל", „ברויט און זאַלץ" און נאָך אַנדערע ווערק), וועלכער איז געשטאָרבן אין דעם אויסן־לאַגער פון דאַכאַו (לאַגער 1 ביי לאַנדסבערג־קאַופערינג) דעם 28־טן מערץ 1945. (רשימה פון יידישע נפטרים אין דאַכאַו, העפטלינג נומער 81688).

און ס׳האָט שוין געהאַלטן ביי אָנטאָן די „לאַטעס". האָב איך מיט מיין מוטער אַלס קריסטן פאַרלאָזן וואַרשע און געקומען צום פאָטער.

אין ביאַליסטאָק זיינען דאַן געווען די סאָוויעטן, און מיר האָבן געלעבט אויף דער פריי אַלע דריי צוזאַמען אין אַ קליין שטיבל. איך האָב זיך געלערנט אין דער יידישער פאָלקשול. די מוטער האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אויך אין אַ יידישער שול. דער פאָטער האָט געשריבן אין זשורנאַלן, צייטונגען.

פון ביאַליסטאָק זיינען מיר געפאָרן קיין קאָוונע, ווו דער פאָטער האָט געאַרבעט אין אַ קאָוונער יידישער צייטונג. מיר האָבן געוווינט אין אַ שיינער געגנט הינטער דער שטאָט. די וווינונג איז געווען אין וואַלד ביים טייך ניעמאַן.

שנעל זיינען פאַרגאַנגען די פּאָר וואָכן פון פרייד און פרייהייט. עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד.

* * *

געבליבן זיינען מיר אין קאָוונע. די מלחמה האָט זיך צעפלאַקערט. די דייטשע אַעראָפּלאַנען האָבן באָמבאַרדירט קאָוונע און באַלד טאַקע פאַרנומען די שטאָט. געהאָלפן האָבן זיי די ליטווינער, וועלכע האָבן געגרינדעט אַזוי גערופענע „פּאַרטיזאַנער". זיי פלעגן אָפּרייניקן די ערטער, ווו עס זיינען נאָך געווען רויטאַרמייער. די „פּאַרטיזאַנער" האָבן זיך אויך פאַרנומען מיטן אָרגאַניזירן די פּאָגראָמען אין קאָוונע ווי אויך אין סלאָבאָדקע (אַ פאָרשטאָט פון קאָוונע). באַלד אין די ערשטע טעג זיינען שוין געווען פיל קרבנות פון יידן. די ליטווישע „פּאַרטיזאַנער" האָבן באַלד איינגעאָרדנט אין שטאָט און אין די פאָרשטעט „לאַפּאַנקעס", אַרעסטירט טויזנטער מענטשן און אויך מיין פאָטער. געראַטעוועט האָט אים אַ ליטווישער פאָלקאָווניק יאַנאָוויטש, ביי וועלכן מיר האָבן דעמאָלט געוווינט.

ס׳איז געקומען דער טאָג, ווען אַלע איבערגעבליבענע יידן האָבן געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט און איבערפעקלען זיך אין דער פאָרשטאָט סלאָבאָדקע, וועלכע איז שפּעטער שוין פאַרבליבן אַלס קאָוונער געטאָ.

* * *

אַריינגעקומען אין געטאָ זיינען מיר דעם 15־טן אויגוסט 1941 יאָר. געווען איז אַ העלער זומערדיקער פרימאָרגן. אָבער די יידן האָבן שוין ניט געפילט די שיינקייט פון דעם פרימאָרגן. אין האַרצן איז געווען פינצטער. די יידישע מענער זיינען געשטאַנען אומעטיק און געאַרבעט ביים מאַכן דעם צוים אַרום דעם געטאָ. יידישע קינדער זיינען אַרומגעלאָפן איבער די שמאָלע געטאָ געסלעך.

טויזנטער מענטשן האָבן זיך צוזאַמענגענומען אין געטאָ. ס׳האָט זיך

באַלד געשאַפן אַ קאָמיטעט, אין וועלכן ס'זיינען אַריינגעטראָטן די בכבודיקע מענטשן פון קאָוונע. בראש פון עלטסטן־ראַט איז געשטאַנען ד"ר עלקעס.

די דייטשן האָבן אָנגעהויבן צו שאַפן אַרבעטס־קאָמאַנדעס. אין איינעם אַ שיינעם טאָג האָבן די דייטשן אַרויסגעפאָדערט 500 אינטעליגענטע מענער; אינזשיניערן, דאָקטוירים, לערער און אַנדערע. די מענער זיינען שוין מערער ניט צוריקגעקומען. דאָס איז געווען די ערשטע אַקציע. אָבער לאַנג האָט גע־דויערט אין געטאָ ביז מען האָט זיך דערוווּסט, אַז זיי זיינען טויט.

אין געטאָ האָבן זיך געשאַפן אַזוי גערופענע דורך די דייטשן „געטאָ־וואַרשטאַטן". ביי די וואַרשטאַטן איז געווען אַ פאַך־שול פאַר קינדער, ווו מען האָט געלערנט סטאָלעריי, שלאָסעריי, שניידעריי. דאָס איז געווען פאַר קינדער פון 14־15 יאָר, און איך בין דאַן אַלט געווען קאַרגע 10 יאָר, דאָך האָב איך זיך באַמיט און אָנגענומען געוואָרן. ס'האָט געהייסן, אַז די קינדער לערנען, כדי צו אַרבעטן שפּעטער פאַר די דייטשן. די צווייטע העלפט טאָג האָב איך זיך צו ביסלעך געלערנט אין שטוב.

* * *

אין געטאָ פלעגן פאָרקומען פאַרשיידענע אַקציעס. דעמאָלט פלעגט דאָס געטאָ ווערן אַרומגערינגלט, און קיינער האָט זיך שוין ניט געקענט אַרויסבאַ־קומען הינטער די דראָטן. און וועמענס גורל איז געווען, פלעגט אומקומען. יעדע אַקציע פלעגט פאָרקומען אויף אַן אַנדער אויפן.

די גרעסטע אַקציע איז פאָרגעקומען דעם 28־טן אָקטאָבער 1941 יאָר. די דייטשן האָבן אויסגעהאַנגען מעלדונגען, אַז אַלע יידן זאָלן זיך שטעלן דעם 28.10. אין דער פרי אויף דעם און דעם פּלאַץ — אַלע אָן אויסנאַם. אויף מאָרגן איז דער פּלאַץ שוואַרץ געווען פון מענטשן. אַרום 10 אַ זייגער האָט זיך אָנגעהויבן די סאָרטירונג. ליטווישע „פּאַרטיזאַנער" צוזאַמען מיט אָנפירנדע ס"ס־מענער האָבן דורכגעפירט די גאַנצע אַקציע. 10 טויזנט מענטשן האָט מען יענעם טאָג אַוועקגעפירט אויפן 9־טן פאָרט. די אַקציע איז פּונקט אויסגע־קומען אין טאָג פון מיין געבורטסטאָג.

* * *

נאָך צוויי יאָר אַרבעט אין פאַך־שול, בין איך אַריבערגעגאַנגען אין די געטאָ־וואַרשטאַטן אַלס אַן אַרבעטער — אַ סטאָלער — געקליבן קעסטלעך געהאַקט משוועקעס, קלומפּעס (האָלץ־שיך), געקראָגן אַזאַ ראַציאָן ווי אַן אַר־בעטער. און דאָס האָט זייער געהאָלפן אין שטוב.

* * *

ניט לאַנג האָב איך שוין געאַרבעט. —

די רויטע אַרמיי האָט זיך דערנענטערט צו קאָוונע, און די דייטשן האָבן באַשלאָסן די יידן צו ליקווידירן, צו עוואַקואירן. דאָס איז פאָרגעקומען דעם 12. 7. 1944 אין אַ רעגנדיקן פרימאָרגן. די ס"ס־לייט האָבן אַרומ־

גערינגלט דאָס געטאָ פון אַלע זייטן. שטרענג באַוואַכט איז געוואָרן דאָס געטאָ. ידי מענטשן האָבן אָנגעהויבן זיך צו באַהאַלטן אין די אויסגעבויטע „מאַלינעס" (באַהעלטענישן). ס'האָט אָבער גאָרניט געהאָלפן. די דייטשן זיינען געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, פון ווינקל צו ווינקל מיט שפּיר־הינט און גראַנאַטן. דאָרט, וווּ ס'איז זיי געווען פאַרדעכטיק, פלעגן זיי וואַרפן די האַנט־גראַנאַטן און אויך פאַרברענען די הייזער. צוערשט האָבן מיר זיך אויך באַהאַלטן. אָבער ניט האָבנדיק אַ גוטע מאַלינע, זיינען מיר אַריבערגעגאַנגען אין די געטאָ־וואַרשטאַטן, פון וואַנען מען האָט אונדז אַרויסגעפירט. ווי ווילדע רויב־חיות זיינען די דייטשן אַריינגעפאַלן אויפן הויף פון די געטאָ־וואַרשטאַטן און אַלעמען געטריבן. אונטער אַ גרויסער קאָמאַנדע פון שטאַרק־באַוואָפנטע ס"ס־מענער האָט מען אונדז געפירט איבער דער גאַנצער שטאָט. מידע זיינען מיר אָנגעקומען אויף אַ זייטיקער באַן־ליניע, וווּ עס זיינען שוין געשטאַנען אָנגעגרייט פאַר אונדז פּי־וואַגאָנעס. ווזהין מען וועט אונדז שיקן, האָט קיינער ניט געוווסט. מען האָט אָנגעשטאָפּט מענטשן ווי פּי אין די וואַגאָנעס, נאָך ערגער. עס איז געווען אַ שטיקעניש, אָן וואַסער, אָן עסן איז מען געלעגן ווי הערינג אין אַ פאַס. די וואַגאָנעס זיינען געווען פאַרמאַכט און באַוואַכט. נאָך 2 טעג אַזאַ פאָרן זיינען מיר אָנגעקומען קיין דייטשלאַנד אויף אַ סטאַנציע טיגענהאָף. דאָרטן האָט מען געהייסן אויסשטייגן די פרויען און די קליינע קינדער. דאָרט האָב איך זיך צעשיידט מיט מיין מוטער.

אונדז מענער און עטלעכע יינגלעך האָט מען איבערגעזעצט אין אַנדערע וואַגאָנעס. געפאָרן זיינען מיר פינף טעג מיט אַ קליינער ראַציאָן שפּייז. איך פלעג הענגען ביי די פאַרגראַטעוועטע פענצטערלעך און קוקן...

ס'פלעגט זיך אָפט מאָל דערמאָנען די צייטן, ווען איך בין געווען אַ פרייער מענטש. איך פלעג אַרומלויפן איבער די פעלדער, און קיינער האָט מיר אין דעם ניט געשטערט. ווען איך פלעג אָבער דורך דעם פאַרקראַטעוועטן פענצטערל זען אַ צעשטערט הויז אָדער אַ צעבאָמבאַרדירטע שטאָט, פלעג איך זיך פרייען און אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן אָן מיין טרויער. איך פלעג קוקן דורכן פענצטער און מקנא זיין די פייגעלעך, וועלכע פליען אַזוי פריי איבער די דייטשע פעלדער... ביינאַכט פלעג איך ווייניק אָדער אינגאַנצן ניט שלאָפן.

ענדלעך זיינען מיר אָנגעקומען צו אַ סטאַנציע — דאָס איז געווען קאַופערינג. פון דאָרט זיינען מיר צופוס געגאַנגען אין דעם נאָך ניט געענדיקטן לאַגער ניט ווייט פון דער שטאָט לאַנדסבערג. באַלד האָט מען פון אונדז צוגענומען די אַלע זאַכן, וואָס מיר האָבן געהאַט מיט זיך. די פריזירער האָבן אונדז אַלעמען אָפגעגאָלט די קעפ. מען האָט דורכגעפירט אַ גענויע רעגיסטראַציע, יעדער האָט באַקומען אַ נומער. אָפגעגאָלט, באַפרייט פון אַ מענטשלעכן אויסזען און מענטשלעכן נאָמען, פלעגן מיר אַרומגיין איבערן

לאַגער און זוכן פאַרשיידענע ברעטלעך, דראָטן, וואָס קענען צוניץ קומען אין באַראַק. פון דאַכאַוער קאָנצלאַגער האָט מען אַראָפּגעבראַכט פאַרברעכערס, גנבים, העפטלינגען, אַזוי גערופענע „קאַפּאָס", וועלכע האָבן באַדאַרפט אונדז דערציען פאַר גוטע העפטלינגען־אַרבעטער פאַרן „דייטשן־רייך". — וועגן דעם ווי מען האָט אונדז געשלאָגן און געפּייניגט באַלד די ערשטע טעג, איז איבעריק צו שרייבן. לאַנג בין איך דאָרט ניט געווען. מיט אַ גרופּע קינדער האָט מען מיך אַוועקגעפירט אין דאַכאַו. איך בין געבליבן עלנט אָן טאַטן און אָן מאַמען, איינער אַליין, אָן אַ גוטן פריינט...

*
*

געבראַכט אונדז אין גרויסן קאַצעט אין דאַכאַו, האָט מען אונדז פאַרשפּאַרט אין אַ באַזונדערן באַראַק. צו מאָרגנס האָט מען אונדז געפירט אין באָד. מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס איז אונדזער לעצטע מינוט, ווייל עס איז געווען נאָענט צו דער געביידע מיט די הויכע קוימענס. מיר האָבן שוין געוווּסט, אַז דאָס איז די קרעמאַטאָריע.

צומאָרגנס האָט מען אונדז רעגיסטרירט, און די שטימונג האָט זיך ביי אונדז געהויבן. ס'האָט זיך צעפלאַקערט ביי אונדז דער דראַנג צום לעבן. און ווירקלעך, מען האָט אונדז ניט געטשעפּעט. אָבער געגעבן אַזוי עסן, אַז די קישקעס האָבן געשפּילט מאַרשן. דורכן פענצטער פלעגן מיר זיך צוזוקן ווי אַרבעטער גייען צו דער אַרבעט און ווי פון דער אַרבעט קומען אַלץ ווייניקער און ווייניקער.

אין איינעם אַ העלן טאָג האָט מען אונדז צוזאַמענגענומען און אָנגעמאָלט אויף די בגדים רויטע פּעטע שטרייפן און אונדז אָנגעזאָגט, אַז מיר וועלן פון דאַכאַו אַרויספאָרן, אָבער וווּהין — האָבן מיר ניט געוווּסט.

נאָך מיטאָג, אין דער באַגלייטונג פון אַ שטאַרקער וואַך, זיינען מיר געקומען אויפן באַן־הויף. ערשט פאַרנאַכט זיינען מיר אָפּגעפאָרן. ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט — קיין אוישוויץ. געווען זיינען מיר צוזאַמען 131 קינדער פון קאָוונער געטאָ. אין וואַגאָן זיינען געווען מיט אונדז 2 פּאָסטנס. אַלע ווילע האָבן זיי געמאַכט אַ ציילונג.

דער וועג האָט זיך געצויגן לאַנג, לאַנג. די גאַנצע צייט האָבן מיר ניט געוווּסט, וווּהין מיר פאָרן. נאָך אַ גאַנצער נאַכט זיינען מיר אָנגעקומען צו אַ סטאַנציע, ווו מען האָט אונדז געפירט זיך דערליידיקן. ערשט דאַן האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז מיר פאָרן קיין אוישוויץ — אין די קרעמאַטאָריעס.

די לאַגע אונדזערע איז געווען ערנסט. ס'איז אַנטשטאַנען דער געדאַנק פון אַנטלויפן. אָבער מיר האָבן קאָמיש אויסגעזען, אָפּגעגאָלטע קעפּ, געצייכנטע בגדים. און ווען אויף דער סטאַנציע קאַטאָוויץ האָט מען אונדז שטאַרק

געהיט, האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז די לאַגע איז גאָר געפערלעך. איך האָב אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און געפרעגט אַ באַן־באַאַמטן, צו עס איז נאָך ווייט צו אושוויץ. האָט ער געענטפערט, אַז נים ווייט. און אויף מיין פראַגע, צו וויס ער נים נאָך וואָס מען שיקט אונדז דאָרט, האָט ער געענטפערט: „קינד מיינס, אויף דעם זיכערן טויט".

דער געדאַנק פון אַנטלויפן איז ווידער אויפגעשוואומען. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן. די ערשטע זאַך האָבן מיר געמוזט פאַרווישן די אַלע אויסערלעכע סימנים, אַז מיר זיינען קאַצעטלער. מיר האָבן גענומען אויס־שניידן שטיקער הויזן, ווו עס איז אָנגעפאָרבן. ביי אַנדערע האָט זיך געלאָזט אויסדרייען די זאַכן אויף דער לינקער זייט. איך בין שוין געווען גרייט צו שפרינגען. האָב איך דערהערט אַ קול פון זייט וואַגאָן: „שפרינג נים, דו וועסט אונדז אַלע אומגליקלעך מאַכן!"

איך האָב אויך געקלערט צו כאַפּן די ביקסן (וואָס זיינען געהאָנגען אין וואַגאָן), דערהרגענען די ביידע כלבים־היטערס און געבן די מעגלעכקייט אַנדערע צו אַנטלויפן. אָבער אין אַנדערע וואַגאָנעס זיינען אויך געווען היי־טערס, און עס קען אַרויסרופן פונקט אַ פאַרקערטע ווירקונג.

אָנגענומען זיך מיט מוט, בין איך אַרויסגעשפרונגען פון לויפנדיקן צוג.

* * *

אַרונטערשפּינגנדיק פון וואַגאָן, האָב איך זיך שטאַרק צעקלאַפּט. עס האָט מיר געשווינדלט פאַר די אויגן. דאָך האָב איך גוט באַמערקט נאָך אַ פּאָר פיס אין פענצטער פון דעם לויפנדיקן וואַגאָן. דאָס הייסט, אַז נאָך אימיצער האָט זיך פאַרמאָסטן צו אַרויסשפרינגען. איך בין אָבער געווען אַזוי צעקלאַפּט, אַז איך בין לאַנג געבליבן ליגן אָן באַוואוסטזיין. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען שפעט. פון צוג איז קיין סימן נים געבליבן. איך בין געלעגן מיט שווערע וווּנדן אין אַ גראָבן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מיר אַ ניי לעבן — אַ וואַנדער־לעבן. איך האָב זיך גענומען אין די הענט. איך האָב זיך אַרומגעוואַשן אין דער־בייאיקן טייכל און געלאָזט זיך אין וועג זוכן אַ נייע היים. פאַרבייגייענדיק די באַן־ליניע האָב איך געזוכט דעם צווייטן, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן שפרינ־גען פון וואַגאָן. איך האָב אָבער לייִדער קיינעם נים געטראָפן. שפעטער שוין נאָך דער באַפרייאונג האָב איך זיך דערוווּסט, אַז פון וואַגאָן איז טאַקע דאַן אַרויסגעשפרונגען ישראל מעריאַש. אַ קאָוונער. פון אים איז אָבער נים צו הערן קיין שפור.

געגאַנגען דורך פעלדער, בין איך צוגעקומען צו אַ וואַלד, וועלכן איך האָב באַשלאָסן דורכגיין, אין דער האָפענונג, אַז איך וועל געפינען אַ ישוב. עס איז שוין געווען פאַרנאַכט ווען איך בין דעם וואַלד שוין דורכגעגאַנגען.

פון וויטנס האָבן זיך געזען די פייערלעך פון פויערשע שטיבלעך. גייענדיק אין זייער ריכטונג, האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַ גרופע שניטערס, וועלכע זיינען געגאַנגען פון פעלד אַהיים. זיי האָבן מיר אין פויליש געפרעגט, פון וואַנעט איך גיי און וווּהין איך גיי און ווער האָט מיר אַזוי צעקלאַפּט. ניט אָריענטירנדיק זיך נאָך אין מיין לאַגע, האָב איך דערציילט דעם אמת. זיי האָבן מיך גענומען צו זיך, געגעבן עסן און געשיקט אין שייער שלאָפן. גאַנץ פרי האָט מען מיך אויפגעוועקט, געגעבן אַ שטיק ברויט און געהייסן גיין ווייטער. איך בין געגאַנגען לענגאויס די פעלדער, פאַרבייגעגאַנגען אַ סך דערפלעך. דערווייל האָט זיך די נאַכט דערנענטערט. די נאַכט איז געווען קאַלט איך בין געווען אין בלויזן העמד. בין איך געווען געצוווּנגען אריינצוגיין צו אַ פויער, בעטן אַ נאַכט־געלעגער. מען האָט מיר אָפּגעזאָגט. איך בין געגאַנגען צו אַ צווייטן, אַ דריטן, מען האָט מיר אומעטום אָפּגעזאָגט. איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ גרויסער פאַרצווייפלונג. אויסגעלייזט פון דעם האָט מיך דער געדאַנק, אַז עס קען נאָך זיין ערגער ווי נעכטיקן אונטערן בלויען הימל און אַז די פּאַרטיזאַנער זיינען נאָך אין אַן ערגערער לאַגע.

איך האָב גענעכטיקט אין וואַלד. דורכגעשלאָפן די גאַנצע, אויפגעגעסן דאָס שטיקל ברויט, וואָס עס איז געבליבן פון נעכטן, האָב איך זיך געלאָזט אין ווייטערדיקן וועג. אַרום איינס אַ זייגער בין איך אָנגעקומען אין אַ דאָרף. דאָ האָב איך שוין ניט דערציילט, אַז איך בין אַ יידישער. איך האָב געזאָגט, אַז מיינע עלטערן זיינען אויף פּאָליאַקן, וועלכע די דייטשן האָבן פאַרשיקט, און איך באַהאַלט זיך אויס. מען האָט מיך אַריינגעלאָזט אין כאַטע און אָנגענומען אויף אַרבעט. געשלאָפן בין איך אין אַ שייער און געלערנט זיך ווי מען דאַרף זיך אומגיין מיט פי. נאָך עטלעכע טעג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די דאָזיקע פויערים דאַרפן מיך ניט, אָבער זייערע באַקאַנטע זוכן אַ פאַסטעך. דער פויער האָט מיך אַוועקגעפירט אויף אַ ראָווער צו זיין באַקאַנטן אין דאָרף לענדזיני, קרייז פּשמשינאַ, אָבער־שלעזיען, און דער פויער האָט געהייסן יוזעף קאָסטיראַ. דער פויער האָט מיך גענומען אויף אַ פּרווו, אויב איך וועל טויגן צו דער אַרבעט, וועל איך קענען דאָרט בלייבן. אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט האָט ער געזאָגט, אַז יאָ.

* *
*

עס האָט זיך פּאַר מיר אָנגעהויבן אַן אַנדער לעבנס־שטייגער. דאָס לעבן ביים פויער איז שווער. אָן אויפהער, טאָג איין, טאָג אויס חזרט זיך איבער דאָס זעלבע. איך האָב געהאַט שווערקייטן ספּעציעלע, ווייל איך האָב שוין פאַרגעסן פויליש ריידן. איך האָב זיך געמוזט דאָס דערמאָנען. דאַן איז געווען שווער, וואָס איך האָב ניט געקענט דעם „פּאַטשיעזש" (דאַוונען, מאָדליען זיך). מען פלעגט מיר פאָרוואַרפן, אַז איך בין אַ ייד, ווייל איך קען זיך

ניט „מאַדליען". איך פלעג אָבער טענהן, אַז דאָס איז ניט מיין שולד, גאָר דער מוטערס, ווייל זי האָט מיר ניט געלערנט. איך האָב זיי אויך דערציילט אַ מעשה, אַז קליינערהייט פלעג איך פון שטוב אַנטלויפן און גיין אין קאָשטשיאָל (קלויסטער). מיט דעם האָב איך געוווּנען ביי זיי אַ ביסל צוטרוי. זיי זיינען געווען זייער רעליגיעזע פויערים. מען האָט מיר אויסגעלערנט אַלץ, אומגיין מיט די קי, פערד און מיטהעלפן אין פעלד און אויך אויסגעלערנט די „פאַטשיעזשעס". דער פויער פלעגט אַוועקפאָרן אויף אַ גאַנצער וואָך אויף אַרבעט אין ביעלסק און מיך פלעגט ער לאָזן אין דער באַלעבאַטישקייט. „אויף דיר לאָז איך אַלץ. זע, אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג, יאַנעק!"

איך האָב שווער געאַרבעט, ניט מורא געהאַט פאַר אָנשטרענגונגען זיך. דער פויער פלעגט נאָך צוגעבן מוט: „אַרבעט, אַרבעט, אין דער ווירטשאַפט לעקט מען ניט קיין האָניק". איך בין געוואָרן דאָרט איינגעבירגערט, גערעדט מיט אַלעמען פריי, ניט מורא געהאַט, אפילו פירן וואָגנס היי אין קאָנצלאַגער פון אוישוויץ. קיינעם איז ניט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אַז דער יאַנעק (אַזוי האָב איך דאָרט געהייסן) מיט די פאַרלאַטעטע הויזן און פידזשאַק, וואָס טראָגט די שווערע קאַנען מילך אין שטעטל — זאָל זיין אַ ייד...

אַזוי האָט זיך געצויגן די צייט ביז דעם אָנקומען פון דער רויטער אַרמיי און פוילישן מיליטער.

אָבער איך בין נאָך אַלץ געבליבן ביים פויער. פון יידן ניט געוווּסט. מען האָט אַפילו גערעדט, אַז זיי זיינען יאָ פאַראַן ערגעץ, אָבער דאָס זיינען געווען נאָר קלאַנגען. איך בין געווען זיכער, אַז עס איז אַזוי. איך פלעג זיך ווייטער פאַרנעמען מיט מיינע בהמות און מיט דער הויז־ווירטשאַפט.

נאָך מיט גרעסערער פלייס האָב איך זיך גענומען צו ביכער, וועלכע מיין באַלעבאָס האָט געהאַט. איך האָב זיך געוואָלט לערנען, זייער געוואָלט. איך פלעג עס זאָגן דעם פויער, דעמאָלט פלעגט ער נעמען אַ בלייער און פאַפיר און לערנען מיך.

הערבסט 1945. איך בין נאָך ביים פויער. איך זיץ אויף דער לאָנקע און רייד זיך דורך מיט מיינע קי און קעלבלעך אויף יידיש. איך האָב די יידישע שפּראַך ניט געוואָלט פאַרגעסן, זי איז מיר געווען טיף אין האַרצן איינגעבאַקן, דאָס איז דאָך געווען מיין מוטער־שפּראַך. איך פלעג זיך מיט די בעלי חיים אַזוי אויסטענהן: „קעלבעניו, מיין טייערעס, ווי גוט דיר איז, אַז דו ווייסט ניט און דו האָסט ניט געוווּסט, ווער עס איז היטלער". דאָס קעלבל, אָדער קו, פלעגט מיר צוברומען: דו ביסט גערעכט".

דער דראַנג צום לערנען און אויך צום זוכן וועמען פון מיין משפחה,

איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב פאַרלאָזן דעם פויער און אַיועק אין קאַטאָוויץ. דער פויער האָט מיר אויפגעגייט אַן אָנצוג, שיך און געגעבן עסן אויפן וועג. איך האָב זיך מיט זיי האַרציק געזעגנט, באַדאַנקט פאַר אַלץ און איך בין אַוועק. אין קאַטאָוויץ האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין לאָדזש זיינען פאַראַן יידן, בין איך אויך אַהין געפאָרן.

געקומען קיין לאָדזש ביינאַכט, גענעכטיקט אויפן וואָקזאַל. צומאָרגנס האָב איך דערזען פלאַקאַטן אויף יידיש, האָב איך זיך דערפרייט און גע־מאָלדן זיך אין רעדאַקציע „דאָס נייע לעבן”. דאָ האָט מען זיך מיט מיר דערפרייט. איך האָב געמוזט זיי אַלץ דערציילן. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז פון אונדזער גאַנצן טראַנספּאָרט קינדער, וואָס מען האָט פון קאַופערינג גע־פירט קיין אוישוויץ, זיינען לעבן געבליבן נאָר פון די עלטערע חברה, און די אויך ניט פיל. דאָ האָב איך זיך אויך דערוווּסט, אַז מיין טייערער פאָטער איז אומגעקומען אין קאַצעט און אַז מיין מוטער לעבט אין מאָסקווע און זוכט מיך.

מען האָט מיך געשיקט קיין העלענעוועק הינטער לאָדזש אין אַ קינדער־היים, ווו איך האָב זיך נאָך אַ 4 מאָנאַט געטראָפן מיט מיין מוטער. פאַר דער צייט האָב איך זיך געלערנט און אַ סך געלערנט.

איצט בין איך מיט מיין מוטער אין דייטשלאַנד אין לינדענפעלז ביי פראַנקפורט. איך בין אין קיבוץ „השומר הצעיר” און איך לערן זיך אין דער העברעאישער שול אין זעקסטן קלאַס.

ד נ י א ל  ב ו ר ש ט י ן,
לינדענפעלז

(צ.ה.ק. 805/675)

——— § § § ———

אַלע רעדאַקציעס, קאָמיטעטן, אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס פון דער שארית־הפליטה ווערן נאָכאַמאָל דערמאָנט צו אַריינשיקן אין צ. ה. ק. צו 5 עקזעמפלאַרן פון זייערע דרוק־אויסגאַבעס, ווי צייטונגען, זשורנאַלן, ביולעטינען, פלאַקאַטן, פלוג־בלעטער אד"ג.
אונדזער אַדרעס:

Central Historical Commission at the Central Committee of Liberated Jews in the American Zone of Occupation in Germany, Munich, Möhlstr. 12a.

# פון אונדזער לידער־זאַמלונג

## וויגליד

מחבר — אומבאַקאַנט.
געטאָ אָשמענע, 1942




הער, מיין קינד, ווי ווינטן ברומען,
מאַך די אויגן צו;
דיין טאַטן האָט מען צוגענומען,
כ׳ווייס אַליין ניט ווו.
איך אַליין מיט דיר געבליבן,
ס׳איז מיר ווי און ווינד;
געוועזן זיינען מיר נפשות זיבן —
איצט נאָר איך מיט דיר.
אויסגעביטן דיינע זאַכן,
ס׳טוט מיר ווי דאָס האַרץ;
ווער וועט דיר איצט נייע מאַכן —
די נאַכט איז לאַנג און שוואַרץ.
ניטאָ אין שטוב קיין זאַך קיין ביסל,
ניטאָ קיין שטיקל ברויט;
דיינע שיך זיינען צעריסן —
שלאָף מיין קינד אין נויט.
הער, מיין קינד, מען טאָר ניט וויינען —
דער פּאָסטן גייט דאָ אום;
שיסן קען ער — מיינען וועט ער,
אַז מען גייט אַרום...

איבערגעגעבן: בתיה פּרוסאַק.

# „בונא“ [1])

טעקסט — גאָלדמאַן
לאַגער אוישוויץ.

I

אונטער שטעכלדראָט געפינט זיך אונדזער שטאָט. —
בלאָקן, צעלטן, גאַנצע וועלטן,
טונעס, פעסער, אַ קיך, אַ באָד.
אַ קאַנטינע, אַ קאַ־בע [2]) פאַר קראַנקע צו קרעכצען, אוי ווײ!
אַ קאַפאָף [3]) פאַר ניט־יידן, רפואות אויף מערידן,
אַ בונקער פאַר גנבים און פליי;
מאַגאַזינען מיט מאַשינען, אַ בעט פאַר יעדן,
אַ גאָרטן מיט קאָמפּאָרטן, ממש אַ גן־עדן;
אַ גלאָק צו קלינגען, אַ כאָר צו זינגען, —
ניטאָ וואָס צו ריידן.
איינס אָבער וואָס אונדז דאָ פעלט,
דאָס איז די פרייע וועלט. —
דאָס דערלעבן קען נאָר אַ גרויסער העלד.

רעפריין: אוי, אוי, אַשרי עין וואָס האָט דאָס געזען,
אַ בראָך צום שונא, וואָס איז מיט אונדז געשען.
מ'טוט אונדז לענקען, ניט צו דענקען,
און צום סוף וועט ער פענקען —
פאַרקריצט דערוויל טאַקע מיט די ציין!

II

ציוויליזאַטאָרן און דערציער האָבן מיר דאָ אָן אַ שיעור,
און אַלע בלאָקן גאַנצע שאָקן
פראָמינענטן און סתם כלל־טוער;
אַלערליי באַגלייטער, קאַפּאָס, פאָראַרבייטער,
פיפּעלס [4]), שרייבער, לעקער, רייבער,
שטובנדינסטן [5]) און זאָ ווייטער;
בלאָק־שניידער, קעסל־וועשער און ברויט־ברענגער —
זיי טראָגן מיט שטאָלץ דאָס האָלץ אויף זייערע דרענגער;
שיך־טוישער, אויספּעגער [6]), מיוחסים, שפּעק־יעגער; [7])

מוזיקאַנטן און כאָרזינגער;
בעטן־נאָכציער [8], נאַכטוואַכע, לאָמפּן־בויער — [9]
אַלע מאַכן דיין לעבן זויער.
אַ מערכה [10] — דו האָפּסט, אַז עס איז ניט אויף די דויער.

רעפריין...

III

אָט־אָ־דאָ אין בבלס טורעם, קיין אונטערשייד פון רייך ביז אָרעם,
דאָס פאָלק ישראל אָן אַ צאָל,
פון מזרח, מעריב, צפון, דרום,
פון אַלע עקן וועלט — אַ שוואַכער צי אַ העלד —
מען מאַטערט, מען יאָגט, מען טרייבט, מען פּלאָגט —
עס העלפט אויך ניט קיין געלט!..
ראַסן־שענדער, האָלענדער, בעלגיער, פראַנצויזן —
צעריסן, צעשליסן, צעלעכערטע הויזן;
פּוילן, גריכן, נאָרוועגן, טשעכן;
בוכענוואַלד, זאַקסנהויזן; [11]
אונגאַרער, סערבן, מאַראָקאַנער, טונעסן,
אַלעמענס פּראָבלעם — דאָס ביסעלע עסן;
אידעען, אידעאַלן איז ביי זיי קיין אינטערעסן...

רעפריין...

IV

צו דער אַרבעט ביים מאַרשיר, גלייכשריט געמאָסטן אין אַ שנור,
צו פינף אין אַ רייע, ווי סאָלדאַטן געטרייע —
„לינקס, צוויי, דריי און פיר!..”
אַן אָרקעסטער טוט באַגלייטן מיט פידל, וויאָלין, טרומפּייטן,
כאַטש אָן רום, דאָך „קאָפּ־הויך!”
מיט שטאַט פאַרן טויער שרייטן
„אויף—אָפּ!..” און קלאַפּ פון די מיצן, [12]
צי ס׳קווועלט [13] די קעלט, צי ס׳ברענען די היצן,
מאַרשירן מיר גלייך, אָרעם און רייך, טאַקע אָן שפּאַס און וויצן.
בלוי־ווייסע מונדירן טראָגן אַלע.

אונטערן אָרעם אַ רויטע שאַלע, —[14]
בענקען צו דער פרייהייט ווי אַ חתן צו זיין כלה.

רעפריין...

## V

אָט־אָ־דאָ אין דעם קאַצעט, ווייסט איר, פון וואָס מ׳רעדט? —
פון שטותים הבלים, ווי אין אַ חלום,
פון גרויס ביז קליין, פון אַ ביז זעט;[15]
פון בונא־זופּ, דיעט און קרויט,
פעל־קאַרטאָפל[16] און אַ גאַנץ ברויט,
קעז, קוואַרק[17], מאַרמעלאַדע אַ באַרג —
אַז דאָס פנים ווערט אַזש רויט!..
צולאַג[18], נאָכשלאַג[19] אַ גאַנצע טונע —
שיטער דער ליטער — ווורשט, מאַרגאַרינע,
ריבן, רעטעך אויפן גאַנצן שטח
אין „בונאס” גרויסער מדינה...
שיך, מאַרינאַרקעס, מיצן, הויזן;
וועש, באָדן, פליי, אַנטלויזן —
טאָג־איין, טאָג־אויס נאָר די זעלבע רויזן...

רעפריין...

## VI

אויף דער בערזע טוט מען לויפן, טוישן אָדער קויפן —
ברויט פאַרשימלט פון אַנומלט
פאַר טאַבאַק אַ גאַנצן הויפן.
אַרום די פּאָליאַקן מיט זייערע פּאַטשקעס[20]
דרייען זיך פאַרשיידענע טשאַטשקעס,[21]
באַטאַפן, באַלעקן, און יוצא מיט שמעקן,
שמאַלץ פון גענדז און קאַטשקעס;
אַ האַנדל, אַ וואַנדל אויף אַלע פלעכן,
קלעפּסי־קלעפּסי[22] — אַן עקל, אַ ברעכן,

אַזש קאַרטאָפל־שאָלן — מיט ווורשט באַצאָלן,
ס'טוט זיך מעסער־שטעכן.
אָט זעען מיר אַ מוסולמען[23] אַ דאַרן
טוישט מאַרגאַרין פאַר ציגאַרן,
נאַרט אָפּ, — נאָר ווען מען טוט עס אַרן?

רעפריין...

## VII

דאָקטוירים, אינזשענערן, אַלעס טוט אָרגאַניזירן —
בלעכן, עמער, צוואַנגען, העמער,
בעזעמס, ראָסטן[24] פאַר די טירן;
איילן, פענזל, פאַרבן, קעסלען, שופלס, שאַרבן...
יעדער ברענגט, יעדער געדענקט —
כדי ניט צו שטאַרבן.
זייער גליק — ווען זיי פאַקן עסן אַ ליטער.
אָפטמאָל איז זייער סוף זויער און ביטער,
לויפן אַרום אומעטום ווי אַ שד, ווי אַ ניט־גוטער
מיט „האָל אַב!"[25] באַצאָלט מען ווי מיט געלט —
נייע באַגריפן אין דער נייער וועלט,
ווייל יעדער אידיאָט איז דאָך דאָ אַ גאַנצער העלד...

רעפריין: אוי. אוי. אַשרי עין...
ונאמר אָמן.

(צ.ה.ק. 246/27) איבערגעגעבן: מאיר לעווענטאַל

באַמערקונגען צו „בונא"

1) „בונא" — בוי־שטעלעס פון פאַבריקן אין אוישוויץ, וווּ קאַצעטלער האָבן געאַרבעט און אויך געלעבט דערביי אין באַזונדערע לאַגער־באַראַקעס.

2) קאַ־בע — אָפטייל פאַר קראַנקע (Krankenbau).

3) קאַפּאָ — „פריילעך הייזל".

4) פיפעל — אַ יונגנטלעכער, וואָס באַדינט די פראָמינענטן אין לאַגער.

5) שטובנדינסט — די וואָס רייניקן און פּאַסן אויף די אינערלעכע אָר־דענונג אין באַראַק.

6) אויספּעגער — מאַכן ריין, קערן אויס.

7) שפּעק־יעגער — וועלכע דרייען זיך אַרום קיך, דאָס רוב אויך די־קערע אין אָנבליק.

8) בעטן־נאָכציער — וועלכע אַרבעטן בײַ די בעטן־געשטעלן.

9) לאָמפּן־בויער—שלעפן אריין דעם צווייטן אין אַ צרה, העצערס, מוסרים.

10) אַ מערכה — אַ נס, אַ גליק נאָר.

11) בוכענוואַלד, זאַקסענהויזן — קאַצעטלער „אָפּשטאַמיקע" פון אָט די 2 קאַצעטן.

12) „אויף—אָפּ!" און קלאַפּ פון די מיצן — די קאָמאַנדע־באַפעלן: „מיטצען אַב!" „מיטצען אויף!" דערביי האָט דאָס אַרונטערנעמען און צוריק אויפטאָן די היטלען געמוזט פּאַרקומען מיט איין „שלאָג", קלאַפּ.

13) קוועלט — פּייניקט.

14) שאַלע — שיסל, צום עסן.

15) אַ ביז זעט — פון A ביז Z, אָדער פון אַלף ביז ת.

16) פעל־קאַרטאָפל — קאַרטאָפל מיט שאָלעכץ.

17) קוואַרק — משוואָרעך.

18) צולאַג — „צולאַגע". צוגאָב צום ברויט.

19) נאָכשלאַג — דער עודף פון עסן (זופּ — דאָס רוב) וואָס בלייבט איבער שוין נאָכן פאַרטיילן יעדן זיין פּאָרציע און ווערט ווידער פאַרטיילט פאַר די מענטשן, ווי „נאָכשלאַג".

20) פּאַטשקעס — פּעקלעך, פּאַקעטן, וועלכע די אַריער פלעגן באַקו־מען צוגעשיקט.

21) טשאַטשקעס — צאַצקעס, נקבות־„ליבלינגען".

22) קלעפּסי־קלעפּסי — אָפּציען, גנבנען.

23) מוסולמען — שטאַרק אָפּגעשוואַכטער און אויסגעאַרבעטער קאַצעטלער.

24) ראָסטן — שיך־אָפּקראַצער בײַ דער טיר.

25) „האָל אַב!" —נעם אָפּ; די פּראָמינענטן, צאָלן דעם קאַצעטלער פאַר זייערע איינגעקויפטע זאַכן מיטן דערלויבן אים נעמען (אָבהאָלען) נאָך אַ פּאָרציע עסן (זופּ אדג"ל).

——— § § § ———

# פון דאָקומענטן־אַרכיוו



Abschrift                                        703/1143

Nationalsozialistische Deutsche Arbeiterpartei

Gau Baden

Kreisleitung Wertheim/Main
-Kreisleiter-

Wertheim, den 31. Juli 1939

Firma

Ludwig Friesinger,
Granit- und Syenitwerk,

Bad Mergentheim

Auf Ihr Schreiben v. 21.7.1939 erwidere ich Ihnen, dass von meiner Seite aus kein Verbot gegeben werden kann, umgefallene Grabsteine auf dem Judenfriedhof in Unterbalbach wieder aufzurichten. Ich möchte nur eines betonen, dass ein deutscher Betriebsführer und ein deutscher Geschäftsmann sich niemals hergeben wird, einem Juden einen Dienst zu erweisen, besonders nach der vorstehenden Art.
Es bleibt selbstverständlich Ihrer Gesinnung überlassen, was Sie in dieser Sache zu tun gedenken. Wie sich die Parteigenossen in Unterbalbach zu einer evtl. Aufrichtung der Grabsteine im Judenfriedhof stellen werden, werden Sie dann schon erleben, wenn Sie an die Arbeit gehen würden.

Heil Hitler!

(gez. Dr. H. Schmidt)

Kreisleiter.

Die Richtigkeit der Abschrift bestätigt:
Bad Mergentheim, den 20. Aug. 1946.

I.V. Ratschreiber

איבערגעגעבן דורך רעגיאָנאַלער היסטאָרישער קאָמיסיע, שטוטגאַרט.
(צ.ה.ק. 703/1143).

**Nationalsozialistische Deutsche Arbeiterpartei**

**Gauleitung** **Franken**

Gaugeschäftsstelle:
Nürnberg-O, Schlageterplatz 3–5 / Fernruf: 22081 und 26341 / Bankkonten: Nr. 31200 Städt. Sparkasse Nürnberg, Zweigstelle 8 / Nr. 2815 Städtische Sparkasse Coburg, Filiale Nürnberg
Postscheckkonto: Amt Nürnberg Nr. 42240

Gau-Organ: „Fränkische Tageszeitung"
Hauptgeschäftsstelle und Ausgabeort: Nürnberg
Pfannenschmiedsgasse Nr. 19 / Fernruf: Nr. 27257
Postscheckkonto: Amt Nürnberg Nr. 5168

**Kreisleitung Lauf**
**Ortsgruppe Hüttenbach**

Hüttenbach den 7 Febr 1939

Kreisleitung Lauf a. d. Pegnitz 8. FEB. 1939
Nr.: 4282

An die

Kreisleitung der N S D A P

in Lauf a d P

Betreff: Ortsgruppen-Chronik

Mein Kreisleiter !

Jch habe heute eine Bitte an Sie:

Ende des Jahres 1938 schloß ich wie alljährlich die Chronik-Eintragung ab. Unterm 11. 11. 38 trug ich folgendes ein.

Jn der Nacht vom 9 Nov 1938 starb in Paris Pg v Rath an den Folgen des feigen Überfalles durch den Juden Grünspan. Jn derselben Nacht noch gingen in ganz Deutschland die Synagogen der Juden in Flammen auf. Pg Ernst v Rath war gerächt. Früh um 5 hr erschienen Kreisleiter Pg Walz. mit dem Bür germeister Pg Herzog den Kreispropagandaleiter Pg Büttner u Sturmführer Brand u stekten den Judentempel in Brand. Pg aus den Ortsgr-Bereich leisteten dabei tatkräftige Unterstützung.-

Nun wurde ds Satz von einigen Pg kritisiert, es darf nicht heisen Pg Walz, Herzog u Büttner-Brand stekten die Synagogen in Brand sondern das Volk.-- Richtig. Aber als Schreiber einer Chronik soll u muss ich Wahrheit berichten.-

Es wäre nocht leicht möglich diese Seite herauszunehmen u eine andre Eintragung vorzunehmen. Jch bitte Sie " Mein Kreisleiter " wie soll ich die Eintragung vornehmen u wie soll sie lauten.

Heil Hitler!

Schlecht

Höflichkeitsformeln fallen bei allen parteiamtlichen Schreiben weg

איבערגעגעבן דורך ח. וואַלנערמאַן.

# איבערזעצונג פון די דאָקומענטן

ערשטער דאָקומענט.

אָפּשריפט

נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע דייטשע אַרבעטער־פּאַרטיי
גאו. באַדען

ווערטהיים, דעם 31 יולי 1939 קרייז־לייטונג ווערטהיים־מאין.

פירמע
לודוויג פריזינגער
גראַניט און סעניט־ווערק
באַד מערגענטהיים.

אויף אייער שרייבן פון 21.7.1939 ענטפער איך אייך, אַז פון מיין זייט קען קיין פאַרבאָט ניט געגעבן ווערן אויף ווידער צו רעכט צו מאַכן אומגעפאַלענע מצבות אויפן יידישן בית־עלמין אין אונטערבאַלבאַך. איך וויל נאָר מיינס באַטאָנען, אַז אַ דייטשער אונטערנעמער און אַ דייטשער געשעפטסמאַן וועט זיך קיינמאָל ניט דערלויבן צו טאָן פאַר אַ יידן אַן אַרבעט, באַזונדערש נאָך ביי אַזאַ ענין.

עס בלייבט נאַטירלעך אייך אַליין זיך צו איבערלייגן, וואָס איר מיינט דאָ אין דער זאַך צו טאָן. ווי די פאַרטיי־גענאָסן אין אונטערבאַלבאַך וועלן זיך פאַרהאַלטן צו אַן עווענטועלער אויפריכטונג פון די מצבות אויפן יידישן בית־הקברות, — וועט איר שוין דאַן אַליין פאַרזוכן, ווע[ן] איר וועט גיין צו דער אַרבעט.

הייל היטלער

(געז. ד"ר ה. שמידט)
קרייז־לייטער

די ריכטיקייט פונעם אָפּשריפט באַשטעטיקט:
באַד מערגענטהיים, דעם 20 אויגוסט 1946.

י. פ. ראטשרייבער

צווייטער דאָקומענט.

נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע דייטשע אַרבעטער־פּאַרטיי
גאַו־לייטונג פ ר אַ נ ק ע ן

קרייז לייטונג לאַוף
אָרטסגרופּע היטענבאַך

הינטענבאַך, דעם 7 פעבר. 1939.

צו דער קרייז־לייטונג פון נ. ס. ד. אַ. פּ.
אין לאַוף־פּעגניץ.

נוגע: אָ ר ט ס ג ר ו פּ ן ־ כ ר אָ נ י ק.

מיין קרייז לייטער!

איך האָב היינט צו אייך אַ בּיטע:

סוף יאָר 1938 האָב איך ווי יעדעס יאָר אָפּגעשלאָסן די כראָניק־איינשרייבונג אונטערן 11.11.38 האָב איך איינגעשריבן פאָלגענדעס:

אין דער נאַכט פון 9־טן נאָוועמבער 1938 איז אין פּאַריז גע־שטאָרבן דער פּאַרטיי־מיטגליד פאָן ראַט ווי אַ רעזולטאַט פון דעם פּחדנותדיקן איבערפאַלן פון דעם יידן גרינשפּאַן. נאָך אין דער זעלבער נאַכט זיינען די יידישע סינאַגאָגעס אין גאַנץ דייטשלאַנד אַוועק מיטן פייער. דאָס איז געווען די נקמה פאַרן פּאַרטיי־מיטגליד ערנסט פאָן ראַט. פינף אַ זייגער אינדערפרי זיינען דערשינען קרייז־לייטער פּאַרטיי־מיטגליד וואַלץ, דער בירגערמייסטער פּאַרטיי־מיטגליד הערצאָג, קרייז־פּראָפּאַגאַנדע־לייטער פּאַרטיי־מיטגליד בּיטנער און שטורמפירער בראַנד און האָבן אונטערגעצונדן דעם יודענטעמפּעל. די פּאַרטיי־מיטגלידער פון גאַנצן אָרטס־גרופּן־קרייז האָבן דערביי אַקטיוו מיטגעאַרבעט.—

איצט ווערט אָט דער זאַץ פון עטלעכע פּאַרטיי־מיטגלידער קריטיקירט. עס דאַרף ניט הייסן, די פּאַרטיי־מיטגלידער וואַלץ, הערצאָג, בּיטנער און בּראַנד האָבן אונטערגעצונדן די סינאַגאָגע, נאָר דאָס פאָלק. — ריכטיק. אָבער ווי אַ שרייבער פון אַ כראָניק מוז איך דאָך און דאַרף שרייבן דעם אמת.—

עס וואָלט זיך נאָך לאָזן לייכט צו אַרויסנעמען די זייט און אַריינגעבן אַן אַנדער נוסח. איך בּעט אייך, „מיין קרייז־לייטער”, ווי זאָל איך דאָס מאַכן און ווי זאָל אויסזען דער נוסח.

הייל היטלער!

(אונטערשריפט).